PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ
5129
S6
07
1918
c.1
ROBA

אריגינעלע רעטענישען

א ווערטהפאלעם ביכעלע פיר אלע
קלאסען מענשען

— פון —

שלמה שמולעוויטץ

קאפירייטעד אין וואשינגטאן
מערץ 1913

RSITY OF TORONTO

אריגינעלע רעטענישען

Originele

א ווערטהפאלעס ביכעלע פיר אלע קלאסען מענשען

— פון —

שלמה שמולעוויטץ

קאפירייטעד אין וואשינגטאן
מערץ 1918

א מתנה פאר מיין איינציגע טעכטעריל

מיין מיזינקע דאבעלע.

PJ
5129
S6
O7
1918

ווייכטיגע כללים

לעזט אויפמערקזאם דיעזע ציילען אום גרינדליך צו בעגרייפען די נוצבארקייט פון דיעזען ווערק און ווי־סען ווי ארומצוגעהן מיט דעם.

וויכטיג און צאהלרייך זיינען די נוטצען פון ביי־כעל רעטענישען פיר אלע קלאסען מענשען ווי אויך פאר קליין און גרויס.

אנשטרענגענדיג אייערע געדאנקען צו טרעפען א רעטעניש בעקומט אייער מארך די נויטיגע איבונג.

די איבונג פון'ם מארך ענטוויקעלט אין אונז א שארפע בעאבאכטונגס־קראפט.

שטודירענדיג רעטענישען ערווערבט מען אן איי־גענשאפט צו בעטראכטען זאכען פון א ברייטען, פיעל זייטיגען שטאנדפונקט.

דער רעטעניש לעהרנט אונז צו פיהרען אונזער געשפרעך אין א פערשטעלטען, פיעל־דייטיגען און דיפ־לאמאטישען אופן און עס ערוועקט אין אונז א בעגעה־ר צו דענקען און צו טרעפען.

רעטענישען בע'הבנ'ען אונז מיט דער קונסט צו ריידען מיט אן אנצוהערניש, דארט וואו קלארע און איינפאכע דבורים זיינען ניט אם פלאטץ, ווי צום ביי־שפיעל, דאס אנזאגען פון א שלעכטע בשורה, אדער ווען מיר פערלאנגען פטור צו ווערען פון איין אונגעווינשטען גאסט, דאן פאדערט זיך צו ריידען פערשטעלט, רעטע־נישמעסיג. די שטאאטסמענער, דיפלאמאטען ריידען אימער אין א צוויי־דייטיגע, רעטזעלהאפטע שפראך.

אויך לעהרנט עס אונז צו מאהלען א געגענשטאנד

אין פערשיעדענע קאלירען, און יעדער קאליר ליפערט אונז א טהייל פון'ם מאטעריאל וואס מיר נויטיגען זיך אום צו טרעפען א רעטעניש.

רעטענישען זיינען מיטלען דורך וועלכע מען קען מעסטען איינעמס שארפזינן; וויפיעל פעהיגקייט ער בעזיצט צו בעגרייפען א זאך און ווי ווייט זיין אויפאסונג־קראפט גרייכט.

רעטענישען זיינען אינטערעסאנט אלס א צייטפערטרייב. ווען איהר פיהלט איינזאם, איהר זייט אליין, נעהמט א רעטעניש און פערטראכט זיך איבער איהם, לעזט איבער עטליכע מאהל ביז איהר טרעפט און איהר לעזט עס נאך אמאהל צו איבערצייגען זיך, אויב איהר האט ריכטיג געטראפען און אויב עס שטימען די געגענשטענדע פון רעטעניש מיט אייער ענטפער; אזוי ארום לויפט די צייט און אייער איינזאמקייט אוועק, ווי איהר וואלט ניט געווען אליין, ווי איהר וואלט פערבראכט מיט איינעם אין א געשפרעך, וואו יענער פרעגט און איהר ענטפערט.

ניט וועניגער אינטערעסאנט קאנען זיין די רעטענישען אלס א געזעלשאפטליכע שפיעל: פריינד קלייבען זיך צוזאמען, איינער לייענט פאר א רעטעניש. יעדער איינער פרובירט טרעפען און שרייבט אויף זיין ענטפער און זיין נאמען אויף א שטיקעל פאפיער, דאן ווערען אלע צעטלען איבערגעלעזען, די נעמען פון דיא טרעפער אויסגערופען און ווערען בעלאהנט מיט א פרייז פון א עהרען געריכט פון דער זעלבער געזעלשאפט און די וואס טרעפען ניט זאלען גע'משפט ווערען פון'ם זעל־

בּען גערירכט: זייער שטראָף זאָל בּעשטעהן פון : קרעהען ווי א האָן, בּילען ווי א הונד און שטעהן א געוויסע צייט אויף איין פוס א. ז. וו. א. ז. וו.

יעצט קומען מיר צו דער הויפּט זאך : גאר א גרויסען ווערטה האָט דיעזער ווערק פון פּאָעטישען שטאַנדפּונקט. דער פּערפאַסער האָט געשריבּען יעדע רעטעניש אין א רייך פּאָעטישע פאָרמע און דאדורך וואס דער לעזער וועט זיין געצוואונגען איבּערצולייענען יעדען רעטעניש מעהרערע מאָהל, וועט ער דערווייל בּע׳הבנ׳ט ווערען אין דער קונסט פון פּאָעזיע, ער וועט ניט נאָר לעזען, נאָר לעהרנען פּאָעזיע. דיעזער בּיכעלע וועט איהם דורכפּיהרען דורך די עפּישע, לירישע און דראַמאַ־טישע פאָרמען פון דער פּאָעזיע און ער וועט אויך בּע־קאַנט ווערען מיט די פערשיעדענע ריטהומס; די הויך־טאָניגע און די טאָנלאָזע זילבּען, די פערזען וואס בּע־שטעהען פון צוויי־זילבּיגע פאָרמען מיט דעם דרוק, אדער אקציענט אויף דער ערשטער זילבּע, בּעוואוסט אין דער פּאָעזיע אלס ,,טראכייאוס״ ווי צום בּיישפּיעל :

צווילינג שוועסטער זיינען מיר,
נייען, שטריקען קענען מיר.
(רעטעניש נומער 3)

,,יאמבוס״ צוויי זילבּען פאָרמען, מיט דעם אקציענט אויף דער צווייטער זילבּע, ווי :

איך האָבּ געלעבּט, צי שלעכט צי גוט ?
דאָס האָבּ איך שוין פערגעסען.
(רעטעניש נומער 32)

„דאקטיל'' דריי זילבען פארמען. מיט דעם אקציענט אויף דער ערשטער זילבע, ווי:

קענסטו דאָס צאַרטע,
דאָס הערליכע בילד?
(רעטעניש נומער 4).

„אמפיבראכיום'' דריי זילבען פארמען. מיט דעם אק־ציענט אויף דער צווייטער זילבע, ווי:

קיין בעמיקער בין איך,
דאָך שטאָפען איך מיש.
(רעטעניש נומער 29)

„אנאפעסט'' דריי זילבען פארמען, מיט דעם אקציענט אויף דער דריטער זילבע, ווי:

כ'שוועב ארום,
אומעדום
לאָז נאָך זיך קיין שפרינקעלע
(רעטעניש נומער 41)

ווי געזאגט, איז דיעזער בוך פון גרויס נוטצען פאר יעדען איינעם וואס וועט זיך געבען די מיה צו טרע־פען די רעטענישען אהנע צו זוכען זייער אנטוואָרט אין דעם שליסעל (אינדעקס). א קליין ביסעל נאכדענקען, עטוואָס אנשטרענגונג און עטליכע מאָהל געדולדיג ווי־דערהאָלען איבערצולעזען יעדער חידה, וועט דעם לעזער געווים קלאָהר מאכען זייער בעדייטונג, עס וועט פיליכט פאלען שווער ביים אנפאנג, אבער וואָס מעהר איבונג דער לעזער וועט האבען, וועט עס איהם אלץ לייכטער אנקומען זיי צו טרעפען, ווייל זיין בעאבאכטונגס קראפט וועט ווערען מעהר און מעהר ענטוויקעלט.

דער אינדעקס אליין איז אויך געמאכט אין דער פארמע פון א רעטעניש.

יעדער אינדעקס, ווי געוועהנליך, געהט סיסטע־מאטיש, נאך נומערען כסדר, ווי: 1, 2, 3 א. ז. וו. דאס וואלט אבער געשטעהרט דעם הויפט צוועק, די נוט־צען וואס דיעזער בוך דארף ברענגען, ווייל, מיט דעם ערשטען בליק אויף דעם ענטפער פון איין רעטעניש וועט די אויג שוין ארומכאפען עטליכע ענטפערס, און ער וועט וויסען די דייטונגען פון די נעכסטע רעטענישען נאך איידער ער וועט זיי גאר לעזען. דארום האט דער מחבר, נאך פיעל טראכטען, אויסגעפונען אן אריגינאלען מיטעל, א געלונגענע ערפינדונג, מען זאל קענען זעהן דעם געווינשטען ענטפער פון א רעטעניש און די אנדערע ענטפערס זאלען זיך דאך ניט ווארפען פאר די אויגען.

דער אינדעקס איז אראנזשירט אויף דעם פאל־גענדען אופן:

אויף דעם לעצטען זייט פון בוך געפינט זיך דער אינדעקס. אויבען זעהט איהר אן אלף בית, איבערן אלף בית ציפערן וואס לויפען נאך דעם ארדנונג פון אלף בית, אונטען ווידער געפינט איהר ליינג אויס כסדר: רעטע־ניש נומ. 1, נומ. 2, 3, 4 א. ז' וו. אין דער ברייט פון יעדען רעטעניש געפינט איהר ציפערן, נעהמט א שטיקעל פאפיר מיט א בלייפעדער און שרייבט אויף די בוכשטא־בען נאך די ציפערן נאך פון דעם רעטעניש, וועלכען איהר ווילט אויסגעפינען און איהר וועט צוזאמענשטע־לען א ווארט און דאס ווארט וועט זיין דער ריכטיגער ענטפער פון אייער געווינשטען רעטעניש.

Cosmopolitan Translation Bureau

27 West 61st Street

Chief Prof. A. Frabasilis D. Ph.,
Director

New York, March 19, 1915.

Mr. Solomon Small,
Brooklyn, N. Y.
Dear Sir:-

I read your riddles with the greatest pleasure and found them very interesting both for choice of the subjects as for the poetical form you gave them.

I, am myself, a veteran lover of enigmatics and from an educational standpoint, I see in riddles and puzzles a kind of mental gymnastic which is very apt to sharpen the brain and have the mind so reason along straight lines.

I am, of course, very anxious to see your beautiful poetical riddles published in book form in order that they may be useful to every lover of the noble art of enigma.

With best regards,

Sincerely yours,

A. Frabasilis.

Department of Education

Office of the

Principal of Public School No. 144

Borough of Brooklyn, N. Y.,
October 5, 1917.

Mr. Solomon Small,
1957 Dean St.,
Brooklyn, N. Y.

Dear Sir:-

I have examined a number of the riddles which you propose to publish and find them to possess considerable merit. They seem to be particularly free from the nonsensical jingle that often characterizes rhyme when it is made to order for expression of riddles. Your riddles are thought-provoking and do not too plainly suggest the solution. Your method of arriving at the answers is also ingenious.

I have no doubt that both children and adults will find considerable pleasure and profitable mental activity in working out the problems presented in your little volume.

Yours very truly,

GILES J. SWAN,
Principal.

The Educational Alliance
East Broadway & Jefferson St.

New York, October 16, 1917.

Mr. Solomon Small,
1957 Dean St.,
Brooklyn, N. Y.

My dear Mr. Small:-

I have read your manuscript of riddles with great interest The content is quite varied; the arrangement is unique. The riddles are written in verse form and delighted me because of their delightful sentiment, intellectual content and imaginative realization which raised them to the level of true poetry.

Sincerely yours,
NATHAN PEYSER,
Executive Director.

1

בּרידער פיער און גאנץ פערשידען,
יעדער האָט אן אנדער פאך,
און די ארבּייט פון צוזאמען;
בּריינגט דער וועלט א גאנצע זאך.

גאר דער אינגסטער איז א מאהלער,
מאהלט ער בּילדער נאכט און פריה,
און פון בּלומענשפּראך א דיכטער,
דיכטעט ריינע פּאעזי.

און דער צווייטער איז א גערטנער,
א בּעל תכלית און ער זוכט
אלע מיטלען ס׳זאלען וואקסען,
ס׳זאלען קומען וואס מעהר פרוכט.

און דער דריטער איז א בּייזער,
בּרויזענד ווי א שטורעם ווינד,
וואָרפט און שליידערט, גיסט מיט טרעהרען,
איז קאפּריזנע ווי א קינד.

און דער פיערטער, אויך דער לעצטער,
איז שוין אבּגעלעבּט און אלט,
קוקט אייך אָן מיט קאלטע בּליקען . . .
אז אייך ווערט אליין אויך קאלט.

2

פון וויעג ווען דו וועסט דיינקען ?
פונקט בין איך דער קאנטראַסט,
דאַך וועל איך יעדען שיינקען
א קליינינטשקען פאלאסט.

מיט העהרליך שעהנע בלומען,
גלייך: ארעם, מיליאנער,
און הוער עס וועט דאָרט קומען
מיט אלץ בעזאָרגט איז ער.

ער דאַרף קיין זאך ניט זוכען,
ניט דרעהען דאַרף זיין קאָפּ,
פון עסען, קליידען, שוכען,
פאלט גלייך די זאָרג אראָפּ.

און יעדער וועט איהם עהרען,
מיט לויב-געזאַנג דערצו,
און קיינער וועט איהם שטעהרען
ביי מיר זיין שטילע רוה.

3

צווילינג שוועסטער זיינען מיר,
נעהען, שטריקען קענען מיר,
מיר בעקליידען און דערלאנגען
יעדען וואס ער וויל.
טרייע שקלאפען האבען מיר,
בערג און גריבער גראבען מיר,
און מיר ארבייטען צוזאמען
פאר דער מענשהייט פיעל.
אלע געלדער קלייבען מיר,
בריעף און ביכער שרייבען מיר,
און מיר קענען פיאנא שפיעלען,
ווי אויך וואשען גרעט.
קינסטלער גוטע לייבען מיר,
ווער ס'איז ווערטה דערהייבען מיר,
און מיר רייבען אן א-מארדע
דעם וואס האט א חטא.
שלעכטע קינדער שלאגען מיר,
שעהנע ציערונג טראגען מיר,
און מיר טהיילען אויס אויך צדקה
יעדען גרוים און קליין.
פריעד מיט שונאים שליסען מיר,
גוטע פריינד בעגריסען מיר,
אונזער שפראך זאגאר אויך שטומע
קענען גוט פערשטעהן . . .

4

קענסטו דאָס צארטע
דאס הערליכע בילד ?
וואס בייט אָפּט איהר פאָרמע:
דאָ ווילד און דאָ מילד.

וואס ברענט ניט דאָך לייכט עס
מיט הערליכען שיין,
איז קליין און די גאנצע וועלט
נעהמט עס אריין.

דו זעהסט דאָרט דעם הימעל,
א מילב און א ריעז,
דאָס קען זיך אויך שטעכען
אזוי ווי א שפּיז.

עס האָט פאר בריליאנטען
א גרעסערן ווערטה,
און פערלאך פאלען
פון דאָרט אונגעשטעהרט.

ווער גרינדליך און ריכטיג
דאָס בילד נאך ניט קען ?
האָט ליידער נאך יענער
די וועלט ניט געזעהן . . .

5

זי האָט א פיינע כלי,
אין גרונד איז זי א וואוילע,
מיט גאָר א הויכע זעעלע,
און לאָזט זיך טהאָן א שפּיעל.

זי מאכט צו יעדען חן'דלאך,
שטעלט אוים די ווייסע צייהנדלאך,
נאָר נעבּאך איהרע ביינדלאך;
שלאָגט יעדער ווער עם וויל.

6

פון פערל געבויט ווערט
אין איין אויגענבליק,
אריבער דעם ים
איין ערהאבענער בריק.

ער קומט און פערשווינדט
ווי א חלום, ווי רויך,
קיין שיף און קיין מאסט
קען ניט גרייכען זיין הויך.

דער בריק טראָגט קיין משא,
ניט לייכט, אדער שווער,
מיט זיעבען קאָליערען
געפאַרבען איז ער,

קיין ראָד און קיין פערד
נאך בעריהרט האָט איהם ניט,
און אויך ניט קיין איינציג'ער
מענשליכער טריט.

דער בריק איז א צייכען,
פון גאט זעלבסט געשטעלט;
אז ער וועט שוין מעהר ניט
פערניכטען די וועלט.

7

איך בין געווען פאר דיר
א קליינע, שעהנע וועלטעל,
דו האָסט אין מיר געהאט
דיין רוהיגע געצעלטעל.

איך האָב מיט גרויס געדולד
פון דיר אלץ-דינג פערטראגען,
אין מיר איז אָנגעזאַפּט
דיין וויינען און דיין קלאגען.

דו האָסט אויך איינגעקריצט
אין מיר דיין ערשטען שמייכעל,
האָסט זאכען אבגעטהאָן;
וואָס טהוט קיין מענש מיט שכל.

א ליעדעלע ביי מיר
פאר דיר האָט מען געזונגען,
נאָר יעצט ביסטו שוין גרויס
ווייט, ווייט אוועק געשפרונגען.

יעצט פאַסט דיר שוין ניט מעהר
דאָס ליעד און דאָס געצעלטעל.
דערמאָנסטו כאָטש אמאָהל
דיין קליינע, שעהנע וועלטעל ?

8

אין דר'ערד איז מיר ליכטיג,
אין כריין איז מיר זיס,
פון יעדען געטראָטען
ווער איך מיט די פיס.

פון קייט און פון בלאָטע
קום איך ארויס ווייס,
איך האָב ליעב צו געבען
פון אלעם א ביים.

איך עס וואָס עס מאכט זיך,
איך לייד ניט קיין נויט,
דער מענש גיט מיר נאַהרונג
זאגאר נאָך זיין טויט. . .

9

מיין וויג איז אין פראנקרייך געשטאַנען,
צו מיר איז קיין גלייכען פארהאנען,
וואָס זאָל פּאָפּולער זיין אזוי,

בין איינער פון די קאמאנדירען,
וואָס האַלט נור די וועלט אין מושטירען,
און אין דיסציפּלין מאן און פרוי

מעג נאריש זיין מיינע פערלאנגען,
מעג לעכערליך זיין מיינע גאנגען,
משוגע פון פוס ביז'ן קאָפּ,

ערפיהלט מען עס גאר אָהן א תרוץ,
מיט פּינקטליכקייט, מיט דרך ארץ
כאָטש הארץ-ווערה און גאָלד קאָסט עס אפּ.

נאָר איך זאג פון וואס מען זאל ריידען,
ווען נאקעט געהן, ווען זיך צו קליידען,
ווען טאנצען, ווען שפּיעלען א קאָרט,

אפילו אין באָרד און אין פּאות,
בין איך אויך וואס קען זאגען דעות
און ס'ווערט אנגענומען מיין וואָרט.

10

איך קום פון דער נשמה
מיט הימעלשע מתנות,
ברייננ מענשען טרייסט, נחמה,
און רוף ארויס רחמנות.

איהר טרעפט מיין צאָהל אין פולען
ביי פאלשע און ביי טרייע,
איהר טרעפט מיך אין די שוהלען,
און אויך ביי א לויה.

די אונשולד צו בעציערען
קום איך מיט ריינע קוואלען,
און שטיינער קאָן איך ריהרען
פיעל מעהר ווי וואסער-פאלען.

דאך מיסברויכט מען מיין ווילען,
מיין הייליגקייט, מיין ריינקייט,
מיט פיעל געמיינע ציעלען,
און איך פערליהר מיין שעהנקייט.

11

זי דאגה'ט און פרייד זיך,
האָט האָפנונג, בּטחון,
זי פיהלט און זי בּלוטעט,
און ווערט אָפט צובּראָכען.

זי זאגט אָן נביאות,
וואס ווערען מקוים,
זי האמערט דאָס לעבּען
בּיי מענשען און בּרואים.

12

איך ליעג אין א בּעהאלטעניש,
דאָך בּין איך פּאָפּולער,
דער מענש איז נאָר א קנעכט בּיי מיר,
און איך זיין שטריינגער הערר.

א האלבּען לעבּען גיט ער אָפּ
צו טהאָן וואס איך פערלאנג,
איך האלט דריי-פיער מאהל טעגליך איהם
אין דיסציפּלין און צוואנג.

און מעג ער ווי פערנומען זיין
מיט אידעאל און זינן?
קוים שיק איך איהם נאר ערגעץ וואו
וועט ער גלייך געהן אהין.

ער ווייס איך בּין ווי א וואולקאן,
שטאַרק בּרויזענד, בּרען און קאָך,
און ווען איך ווער קאפּריזנע נאָר?
א! דאן? איז ווערה און אָך!

פיעל שאָף און רינדער, קארען, ווייץ,
פיעל פּרות איך פערצעהר,
פון אלץ נעהם איך דאָס בּעסטע ארויס,
די פּסולת איך צושטעהר.

13

קיין גאט, זאגאר קיין קעניג,
דאך שטארק איז ער און גרויס,
א הערשער איבער הערשער,
זיין מאכט געהט קיין מאהל אויס.

עס נעהמט פיעל מאהל דער קייזער
פאר איהם די קרוין אראפ,
דער העלד אין דער מלחמה
בויגט איין פיר איהם זיין קאפ.

בעקעמפפען איהם, ניט פאלגען,
איז קיינער ניט אומשטאנד.
פאר קראנקע און פאר מיעדע
איז ער א פעסטע וואנד.

דער טויט איז זיינס א ברודער
דאך ער איז איהם ניט גלייך,
ווייל גוטעס ברייגנט זיין קומען
פאר ארעם און פאר רייך.

14

עס בענטשט א יעדער זיך מיט מיר,
דער וואונש איז: מיך צו קריגען,
דאך ווייס מען אז מיין קומען ברייננגט
גאר ווענינג פערגעניגען.

מען וויל מיך האבען, דאך מען קעמפפט
פון מיר זיך אויסבעהאלטען,
געקינצעלט צאַמט מען מיר מיין וועג . .
דאך דורך געהיימע שפּאַלטען

דרינג איך אריין און פיהר א קאמפף
דעם שטאַרקסטען אונטעריאָכען,
איך פיהר דעם קאמפף אזוי לאנג אָן,
ביז ער מוז געהן געבראכען.

איך נעהם די באק-צייהנער פון איהם,
די האָר פון קאָפּ איהם פליקען,
איך האַק איהם אונטער זיינע פיס,
און דונקעל זיינע בליקען.

איך בויג זיין שטאָלץ, זיין קארק און זעה
אין איהם אלץ צו פערדארבען,
ער קען זיך אויסדרעהען פון מיר;
ווען ער נאָר יונג זאל שטאַרבען.

15

ער פיהרט דיך אויף א שיף
וואו ס'איז דער ים-גרונד טיעף.

און ווי א וואָלקען-רויך,
מאכט ער דיר שוועבען הויך.

מאכט פאלען דיר א מאהל
פון העכסטען בארג, אין טאָהל.

צייגט בילדער דיר פון טויט,
ער ברייננגט דיר ארמוטה נויט.

א מאָהל פערקעהרט, מאכט ער;
דו ווערסט א מיליאנער.

עררייכסט דעם העכסטען גליק,
דאָך אין איין אויגענבליק;

קענסטו אין זיך דערזעהן;
דעם קבצן ווי געוועהן . . .

16

ווען איך בין פעסט און גרויס,
דאן נעהמט מען מיך צום שניידען,
און ווען איך קריך ארויס,
וויל קיינער דאָס ניט ליידען.

איין ארט מיט פראכט איך ציער,
א צווייטען ארט פערשעהם איך,
און בייט אויך מיין קאליער,
פיעל מענשען-הערצער קלעם איך.

דעם אלטען זעהר קריינקט
ווען איך פערלאָז זיין ערטעל,
דעם מענשענס לעבען היינגט
אויף מיר, איז דאָ אַ ווערטעל.

17

מיין פֿנים איז שווארץ,
און גרוי איז מיין הארץ,
מען שטויסט מיך, מען רייסט מיך די זייטען,

מען מאכט מיר צו שטויב,
דאָך ווייס איך און גלויב;
אז איך בין געאכטעט ביי לייטען.

מען לאדט מיך צום טיש,
צו פֿלייש און צו פֿיש,
די קליינווארג זיי גיבען א ציטער,

בין זיי ניט צום מוטה,
א קאָפּ בין איך גוט,
נאָר מעהר בין איך גרויזאם און ביטער.

18

זיין בראַוו און איידעל, גוט און שטיל,
דיקטירט מיר מיין פערשטאַנד,
איך טהו קיין שלעכטס און ריהר קיין מאל
א פליעג ניט אויף דער וואנט.

דאָך איז מיין בלוט א הפקר זאַך,
א טרונק פאר קינד און גרייז,
מיין הויט איז זייער אויבער-ראָק,
מיין פלייש איז זייער שפייז.

און מיינע האָר איז זייער העמד,
וואָס וואַרעמט קליין און גרויס,
צום פידעל נעהמען זיי פון מיר
די אינגעווייט ארויס.

און כאָטש די מענשען איך בעשיץ,
פון קעלט, ווי אויך פון היץ,
קריג איך פון זיי א גרויסען דאנק . . .
מען צאָהלט מיר אָפּ מיט שמיץ . . .

19

א שריפט פון א זשעני,
אן אורטייל פון א ריכטער,
א גוטע פאעזי
פון גאר א גרויסען דיכטער.

א טיעפער איבערבליק
פון פעהיגען רעדאקטאָר,
א שרייבער פון קריטיק,
א דראמא, א פיער אקטער.

א שפאנענדער ראָמאַן,
ס׳ איז בלאָטע איך קען צייגען;
א שריפט פון א גראָביאן
וואָס קען אלץ איבערשטייגען . . .

20

מיין מוטער איז די צייט,
כ'ווער גרויס און שטאַרק געבאָרען,
און לאנגזאם געה איך אוים,
פערשווינד, איך ווער פערלאהרען.

א וועגווייזער בין איך,
מיט ריכטיג קלאהרע פּלענער,
נאָר איך אליין דאַר איין,
טאָג טעגליך ווער איך קלענער.

דער מענש געפינט אין מיר
אלץ-דינג וואס ער דארף וויסען,
אוים דאנקבארקייט ווער איך
געפליקט פון איהם, געריסען.

און ביז מיין לעצטען הויך
טהו איך נאָך מיינע פליכטען,
מיין מוטער זעלבסט, די צייט,
זי זעהט מיך צו פערניכטען.

עס האָט מיין עקזיסטענץ
גאָר גרויסע אינטערעסען,
און ווי איך שטאַרב נאָר אָפּ
אזוי ווער איך פערגעסען.

21

בײַ מיר איז אן אויסוואהל פון אלעס,
פון וואס נאר א מויל קען זיך ריידען,
פון פויגעל - מילך, רייכטהום און דלות,
פון פריידען אזוי אויך פון ליידען.

דאס אויסרעכענען אלעס כסדר,
פערנעהמען קען טויזענדע בלעטער,
צום בײַשפּיעל: כ'האָב העמדער און קליידער,
כ'האָב מענשען, טײַוואָלים און געטער,

כ'האָב צוקער און פעפער דערינען,
און וועל אייך א סוד זיין מגלה;
לייכט קענט איהר די זאכען געפינען,
אין ארדנונג זיינען זיי אלע.

און וואָס נאָר די וועלט קען פערמאָגען,
געפינען זיך אין מיינע גיטער,
דאָך קען מען די קליידער נים טראָגען,
דער פעפער בײַ מיר איז נים ביטער.

דער צוקער נים זיס, און די מענשען?
זיי קענען זיך גאָר נים בעוועגען,
די געטער זיי קענען נים בענטשען.
וואס בין איך? דאָס וועל איך אייך פרעגען!

22

ס'איז ביטער און שווערץ,
מיין ארעמעס הארץ,
נאָר איידעל און ווייס איז מיין פנים.

איך שפרייט אויס א דופט,
וואָס פילט אָן די לופט,
איך האָב גוטע פריינד און אויך שונאים.

מען זאגט פון מיר טריפט,
א שעדליכער גיפט,
און נאָך וואס: איך טויג אויפ'ן פייער.

דאָך איך ווייס,א סך
וואס זאָרגען און מאך
א ביסעל זיי פרעהליכער, פרייער.

23

איך בין דער גאָט פֿון דר'ערד,
פֿון אירדישע מתנות,
דער מענש מיט גאָר זיין הערטה
מוז ברייגגען מיר קרבנות.

און וועמען נאָר איך גיב
פֿון זיך א קליינעם הייפּעל,
ביי יענעם איז שוין ליעב
פערקויפען זיך צום טייפעל.

אויף מיר פיעל ביטען אוים
אויך זייער טאטע מאַמע,
דורך מיר קומט אָפט ארוים
די שוידערליכסטע דראמא.

די הייליגקייט פֿון פּריעסט
קויף איך מיט מיינע שעטצע,
איך דינג אוים האלב אומזיסט
דעם ריכטער און די געזעצע.

כ'טהו איינעם נאָר א שמיר
מען האָט פאר איהם דרך ארץ,
אויך זעהר לייכט איז מיר
מטהר זיין אַ שרץ.

24

געוועזען מיין נאָמען
איז פערד און בהמה,
וואס איך האָב געליטען
כאַפּט פראָסט אָן אַן אימה.

מען האָט מיך געשניטען,
געפליקט און געשונדען,
מען האָט מיך געשטאָכען,
מיט שטריק מיך געבונדען.

מען טרעט מיט די פיס צו
מיין אָרימע זיילע,
מען שיקט מיך צום טייפעל
ווען איך בין א חולה.

פערשוואַרצט ווער איך שטענדיג,
און איך מוז נאָך גלאַנצען,
איך טויג ניט צום טרויער,
דאָך טויג איך צום טאַנצען.

מען רייסט מיר דעם אויער,
מען האָט מיך אין פּיאַטע,
מען האַלט אויף דער עלטער
מיר גלייך ווי א שמאַטע.

25

איהר קענט מיר זעהן אין אייער הויז,
פון אינוויינינ און דרויסען,
איך קען אויך זיין וויפיעל איהר ווילט,
איהר זאָלט מיר נאָר ניט שטויסען.

איך קריך אמאהל אויף אייער נאָז,
עס ליגט דעריין א זינען,
מיט אייער וויין, מיט אייער טעה
ווערט איהר מיר אויך געפינען,

איך העלף ארוים א מאמע פיעל
איהר זויג-קינד צו ערנעהרען,
איך קען אין הימעל צייגען אייך
מיט דייטליכקייט די שטערען.

איך קום פון זאמד ארוים און קען
פיעל שטעלעם אייך פערטרעטען,
איך ווער געהויבען אין דער הויך
אויף שמחות, אויף באנקעטען.

26

א זאך איז דאָ וואס האָט גרויס מאכט,
און יעדער דאָס בּעזיצט,
דער מענש האָט דאס ארייגגעבּראכט,
אין לעבּען איינגעקריצט.

כאָטש דער ערפינדער איז דורך אוים
פון דעם דער מענש אליין,
האָט קראפט די זאך איהם מאכען גרוים,
און פונקט פערקעהרט אויך קליין.

די מילבּ, דער העלפאנד האָט עם גלייך,
דאָס האָט דער מענש און גאָט
דאָס האָט אויך וואלד און פעלד און טייך
און ים און לאנד און שטאָדט.

און ווען עס וואלט די זאך געפעלט?
קיין ערגערס קען געשעהן:
עס וואלט קיין מילבּ, קיין מענש, קיין וועלט,
קיין גאָט! אויך ניט גיעווען . . .

27

איך האָב א קאָפּ געזונד און שטאַרק,
נאָר צו מיין גרויסע שאַנדע;
צו וויסען וואס ער דיינקט און טראכט
דאָס בין איך ניט אומשטאַנדע.

בעלייידיגען זיך אויף מיין קאָפּ
האָב איך גאר קיינע גרונטען,
נאָר איין זאך מוז איך מודה זיין:
מיין קאָפּ ביי מיר איז אונטען.

און נעהמט מען מיר מיין קאָפּ אראָפּ,
וואָס דאָס קען אָפּט מאָל געבען,
קען איך זיין טויט און דאָך מיין קאָפּ
זאל אלץ נאָך בלייבען לעבען.

***

28

האָט מען מיר אין א משפּחה,
דאָרטען הערשט די מזל ברכה.
האָט מען מיר אין א מדינה,
דאָרטען רוהט פון גאָט די שכינה.

איך קען מאכען מיט מיין קומען;
אז קאַנאָנען זאָלען שטומען,
כ׳קען פערוואנדלען גאָר אָהן פלאקער;
דער הארמאַט זאל זיין אן אקער,

און דער שווערד זאָל גראָז נאָר שניידען,
און די מענשהייט זאל ניט ליידען,
איך קען מאכען גרויסע שונאים;
זאלען ווערען מחותנים.

29

קיין כּעמיקער בּין איך,
דאָך שטאָפּען איך מיש,
איך בּין אויך קיין דיענסט ניט,
און גרייט אייך א טיש.

בּין קיין מכניס אורח,
גאַנץ אָפען גערעדט,
דאָך אויף איהר ווילט שלאָפען:
פערזאָרג איך א בעט.

איך בּין קיין מאהל העפליך,
איהר מעגט זיין ווי רייך,
נאָר קוים ווילט איהר זיצען;
א שטול שטעל איך אייך.

קיין האָלץ-וואָרם בּין איך,
דאָך וועלדער מיט האָלץ
האָב איך שוין צופרעסען . . .
און בּין דערויף שטאָלץ

30

ביי נאכט האָב איך לעבען,
ביי טאָג שטאַרב איך אָפּ,
מיין לעבען איז מענשליך
פון פוס ביז'ן קאפּ.

דאָך בין איך קיין מענש ניט,
ס'איז זיכער געוויס,
און אויך ניט קיין חיה
כאטש איך האָב פיער פיס.

קיין רוסישער אדלער,
כאָטש קעפּ האָב איך צוויי,
קיין עוף ניט, כאָטש פעדערן
האָב איך ווי זיי.

איך שטיין אימער אונטער,
ווער מיעד איז און שוואך,
און סודות פון ליעבע
דאָס ווייס איך א סך.

ווען איהר ווערט געבאָרען
בין איך דאן דערביי,
און ביז אייער ענדע
בלייב איך אייך געטריי.

31

ס׳איז דאָ אזא מין שלאנג,
וואָס איז פאר אלע שלאנג׳ען
געפעהרליכער, און איהר
קען קיינער קיין מאל פאנגען.

איהר שטימע שרעקליך איז,
נאָך שרעקליכער איהר צאָרען,
און ווען זי גיט א בּים
דאן מוז מען געהן פערלאָהר׳ען.

דעם רייטער און זיין פערד
קען זי אויף טויט צו בּייסען,
עס קען א קירכען-דאך
איהר קראפט ארונטעררייסען.

דעם שטאַרקסטען בּוים זי בּרעכט,
בּעפאלט ווי א ניט גוטער,
זי גיט א בּים און שטאַרבּט;
די ערד איז ניט איהר מוטער.

איך האָב געלעבּט, צי שלעכט צי גוט?
דאָס האָב איך שוין פערגעסען,
איך האָב געהאט אי פלייש, אי בּלוט,
געטרונקען און געגעסען.
איך וואלט אויך גליקליך זיין געקענט,
געזיכערט מיט מיין לעבּען,
נאָר דער אלמעכטיגער האָט הענד
מיר ליידער ניט געגעבּען
געהאט האָב איך די שעהנסטע האָר,
אויך יעצט נאָך ניט פערדאָרבּען,
און אויגען ליכטיגע א פּאָר;
נאָר פריה בּין איך געשטאָרבּען.
מיין טויט איז ניט געקומען גלאט;
מען האָט א מאָרד בּעגאנגען,
אויך ווייס איך: קיינער וועט כמעט
קיין רעכענונג פערלאנגען.
יעצט בּין איך טויט און דאָך בּעגליקט,
עס קען זיין אוים רחמנות:
האָט גאט צוויי הענד מיר צוגעשיקט,
צוויי געטליכע מתנות.
איך האָב יעצט הענד, צוויי ליעבּע הענד,
וואס צאַפּלען זיך און לעבּען,
וואס יעדער מאן מיט לוסט ער בּרענט
א קוש זיי קענען געבּען.

33

וואס איז צו געפינען
ביים רייכען
אויפ'ן הארצען?
ביים שלעכטען
אין הארצען?
ביים טויטען
צו קאָפּען?

34

איך זעלבסט בעזיץ א פאך
צו פוצען און צו ציערען,
און קעפ האב איך א סך,
מיט מארך און מיט געהירען.

איך האב געזונדע צייהן,
און לעבענס פיעל פערצער איך,
ברייננ קינדער צום געווייז,
און נעסטען פיעל צושטער איך.

איך האב אמאהל בעלאנגט
צו בהמות, היינט צו מענשען,
מיין ארבייט איז בעדאנקט,
וואס פיעל מיט מיר זיך בענטשען.

דער קייזער נעהמט אראפ
פאר מיר זיין קרוין אפילו,
און בויגט נאך איין זיין קאפ,
גאר גלייך ווי צו א תפילה.

35

כאָטש איך בין איינפאך, פּראָסט,
געפעהל איך דאָך א-יעדען,
פון מיר די גאנצע וועלט
האָט גוטעס נאָר צו רעדען.

איך קום פון פּויער שטאַם,
דערגרייך די גרעסטע ראַנגען,
מען שטעלט דאָס לעבּען איין;
אום מיך צו קענען פאנגען.

און ווער מיך ערנסט ליעבּט,
דעם בּין איך טריי, ערגעבּען,
לאָז שניידען זיך מיין פליייש
אום אויפהאלטען זיין לעבּען.

אין הייראטה איבּערהויפּט
בּין איך די ערשטע פראגע,
קוים האָט מען מיך פערזעהן ?
איז טרויעריג די לאגע.

צום אלעם ערשט קום איך,
נאָך דעם ערשט קומט די ליעבּע,
אן אויפשטאַנד ווען ס'בּרעכט אוים ?
בּין איך, נאָר איך די סיבּה.

36

פון שטאָל די שארפסטע וואפען
איז מיינע און איך זיעג,
איך מאך די געגנער פאלען;
דאָך פיהר איך ניט קיין קריעג.

איך לייג אוועק דעם שטאַרקסטען,
איך געה אזש ביז'ן בלוט,
איך קען א מאָרדע רייבען,
דאָך מיר קען פעהלען מוטה.

מיט קאָפּ-ארבייט בעשעפטיגט,
בין איך פון פריה ביז שפעט,
כאָטש האָר האָב איך פון דיכטער,
דאָך בין איך קיין פּאָעט.

37

איך בּין א קינד פון וואלד,
פון שאָף האָבּ איך געדערים,
פון פערד שטאַמט אָבּ מיין מאן,
דאָך שׂעץ איך איהם און עהר איהם.

און מיר אלס מאן און ווייבּ
אין הארמאָני זיך האלטען.
נאָר ווען ער ריהרט מיך אָן;
איז קולות און געוואלדען.

דאך זיין בּעריהרונג בּריינגט
אונז קינדער, זיסע, ליעבּע,
וואס שאפען נחת, פרייד,
פאר אלע הערצער טריבּע.

און מיילער האָבּ איך צוויי,
און טאקי בּיידע עסען . . .
איך רייד מיט זיי א שפּראך;
וואס קיינער קען פערגעסען.

כ׳קום און רוף צום לעבען,
גרוים און קליין הערט מיין סיגנאל,
כ׳ברייננ מיט זיך דאָס שטרעבען,
וואס צופליסט זיך ווי א קוואל.
כ׳האָב צו זיך א צווייטע,
אויך ניט פון דעם קליינעם ווערטה,
נאָר א שטיק צודרעהטע;
וואָס איך טהו, טהוט זי פערקעהרט
מיר איז וואָך זיין וויכטיג,
טרייבט זי שלאָפען אָהן א הארץ,
איך וויל מאכען ליכטיג,
זי מאכט פינסטער, חושך, שווארץ.
און אָט די מחליקת,
הערשט ביי אונז שוין פון א צייט,
היינט פון א צדקת ?
איז זי וויט, יא זעהר וויט.
האלט ביי זיך פערברעכער,
פראסטיטוטקעס, פראנק און פריי,
געמבלערס, מעסער שטעכער,
און גנבים דיענט זי טריי.
האָט אויך גוטע זייטען,
נאָר פאר מיר איז זי א פלעק,
כ׳בין מיט איהר פון וויטען,
קומט זי צו, געה איך אוועק.

39

ווי קליין און דאר
איך זאָל ניט זיין
דאָך געהט אין מיר
געראם אריין;

א מענש, א לאנד,
א שטאָדט, א הויז,
און שטעל אייך פאָר
פאר קליין און גרויס.

40

א קינד פון וואלד בין איך געוועז,
געוואקסען ווילד, פערשייט,
נאר צו פערדאנקען גוטע הענד
בין איך ארוים א לייט.
מיך אבגעשניטען פון מיין שטאם,
צו בילדען מיך געבראכט,
און ווי דורך וואונדער אלעס איז
געווארען דורך איין נאכט.
איך זעה שוין יעצט גאנץ אנדערש אוים,
ניטאָ די גראָבקייט מעהר,
איך בין די איידעלקייט אליין,
דערקענען איז מיר שווער.
איך בין א ליעבלינג איבעראל,
מען קוקט מיר אין געזיכט,
אויף יעדען מיינונג וואס איך זאג;
געלייגט ווערט פיעל געוויכט
און כאָטש איך לעב מיר בלויז איין טאָג,
דאָך בין איך ניט קיין מת:
ווייל מאָרגען שטעה איך ווידער אויף
מיט נייעם אינטערעס.
און יעדער וויל מיר, גארט מיר זעהן,
פון דאנען און פון דאָרט,
פון אלעס וואס נור עס פאסירט;
צו הערען מיינס א ווארט . . .

41

כ׳שוועב ארום,
אומעדום,
לאָז נאָך זיך קיין שפּרינקעלע,

איך אליין,
בלייב דאן שטעהן,
ערגעץ אין א ווינקעלע.

42

כאָטש איך מיט'ן שווערד,
בֿין גאר ווי א קרובֿ,
טהו איך קיינעם וועה,
דאָס בֿין איך אייך ערובֿ.

כאָטש איך שנייד און שטעך,
מיט פֿעלד-מאכט פֿערבֿונדען,
פֿערגיס איך קיין בֿלוט,
און מאך ניט קיין וואונדען.

כאָטש רייכטהום איך בֿריינג,
בֿע'גנבֿ'ע איך קיינעם,
בֿין גראָבֿ דאך איך האָבֿ
א נאָמען א שעהנעם.

כאָטש איך גיבֿ אייך נאָר
א לעבֿען א פֿראָסטען,
איז גליקליך דאָס פֿאָלק
וואָס לאָזט מיך ניט ראָסטען.

43

איך בין א מיטגליעד פון א פאלק,
וואָס האלט אין גערן כסדר,
און ווילט איהר וויסען פון א טאָלק:
קומט איהר צו מיר אין חדר.

אז אונזערע ברידער ברייגען נוץ,
דאָס האָט מען לאנג דערגאנגען,
און דאָך האָט מען פאר אונזער גוטס;
די גרעסטע אויפגעהאנגען.

און ווען מיר קריגען שוין אין קארק,
בעפאלען אונז ווי ווערים
די קליינוואָרג וועלכע ליעבען שטאַרק,
אונז נעהמען די געדערים.

ס'איז וואָר מיר האָבען שוין א שם;
פאר פאלשע, פאר פארפיהרער,
נאָר שולדיג זיינען גאָר אין דעם
די מאכערס, די רעגיערער.

ווער מיך בעזיצט, דעם טריי איך דיען,
איך גיב מיין צייט, קיין פראגע:
נאָר מיינט ניט אז א איד איך בין
כאָטש גלייך איז אונזער לאגע . . .

44

איהר בלעטערט מיינע בלעטער,
און גלייך פאר אייך ערשיינט;
א מומע אייך, א פעטער,
א חבר און א פריינד.

פון צפון, צי פון דרום,
פון נאָהענט, צי פון ווייט,
משפחות וואס אין קברים
שוין רוהען פון א צייט.

איהר מישט א בלעטעל איבער,
און אייער בליק איהר שטעלט;
אויף דאָס וואס אייך איז ליעבער
פאר אלעס אין דער וועלט.

איהר זעהט דאָרט טאַטען, מאמען,
און שוועסטער, ברידער גלייך,
אזוי ברייננ איך צוזאמען
א גאנצע וועלט פאר אייך.

45

עס ווערט אָהן מיר קיין זאך געמאכט,
איך הערש אין יעדען ארט,
איך שליכטע פריעדען, שיק אין שלאכט,
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט.

דעם קייזער'ס צוזאג האָט קיין ווערטה,
ווען איך בין ניט דערביי,
די גרעסטע זאכען ווערט צושטערט
ווען מיר מען איז ניט טריי.

קיין קבר גראָבט מען ניט אָהן מיר,
מען גיט קיין געלד ארוים,
עס האָט קיין ווערטה א ווערטה-פאפיער
אויב מיר נאָר לאָזט מען אוים.

מיך פעלשען איז א קרימינאל,
די מענשהייט ווערט פערלעצט,
א גרויסע שטראָף איז איבעראל
פאר יענעם אויסגעזעצט,

ניט קענען מיך איז גרויס די שאַנד,
מען דארף א ווילדער זיין:
און קומט אזעלכער דאָ אין לאנד;
דעם לאָזט מען ניט אריין.

46

איך בין א קנעכט, עס איז קיין שאַנד,
איך דיען באמת טריי מיין הערר׳ען,
איך געה מיט איהם גאר האנד אין האנד,
און ער פערטראָגט זיך מיט מיר גערען.

איך בין א קנעכט, דאָך אייזען שטאָל
בין איך דאפיר מיין ווירט צו שטיצען,
און ווען ער דארף מיך, יעדעס מאָל,
בין איך בערייט איהם צו בעשיטצען.

איך בין א קנעכט, דאך פיין איך קען
אין זייד געקליידט געהן, נאָר צום קוקען,
און ווען מיין ווירט האָט מיך פערזעהן;
האָט ער ניט אָבגעשניטען טרוקען.

איך בין א קנעכט, דאָך ווער מיך האָט,
דער דארף דעם הימעל אויך ניט גלויבען,
בין גוט אין פעלד, און נוטץ אין שטאָדט,
און בין ביים ווירט גאנץ הויך געהויבען.

47

בין נוצבאר יעדען, גרוים און קליין,
איך קריך אין אלע לעכער,
מען גיט מיך אויך אלס א געשאַנק,
אלס פרייז פאר שטייגען העכער.

מען מוז צוערשט בעריהרען מיך
אום צוקומען צום הארצען,
איך קען זיך קליידען זעהר גוט,
אין ווייסען ווי אין שווארצען.

איך האָב א העמד, א הויז, א ראָק,
דאָך דארף איך זיי פערשליסען,
ניט איין מאל ליידער קומט מיר אוים
צו ווערען אויסגעריסען.

מיט יעדען בין איך ווי געקניפט,
גאר גאנצע מחותנים,
און ווער עס פאַסט ניט אויף אויף מיר;
דעם לאכט מען אָן אין פנים . . .

איך בין מיט אלעמען אין בונד,
מיט פראָסטע, ווי מיט לאָרדען,
מען קען דערקענען אויך אין מיר
א ברודער פון אַן אָרדען.

48

א גוטע זאך געגעבען,
האט זי דיר נאר איין מאל,
דערפאר מאכט זי דיין לעבען
דיר ביטער אהן א צאהל.

זי גיט דיר שטענדיג עצות,
ווי דו זאלסט שטעהן און געהן,
און הינטער דיינע פלייצעס
בערעדט זי דיר געמיין.

ווען דו דערהערסט איהר קומען
פאלט אן אויף דיר א שרעק,
ניט צו גרויס איז קיין סומען;
אז זי זאל נאר אוועק.

גיט ארגומענטען שטענדיג,
פאר איהר ניט וויין, ניט לאך,
זי איז ווי דער אפענדיק,
אן איבעריגע זאך.

זי ברייגגט דיר שטונדען טריבע
פערגיפטעט דיר דיין זעעל,
דאך זי האט אין דיין ליעבע
כמעט דעם גרעסטען טהייל . . .

איז מיינער קיין געליעבּטער,
קיין פריינד, קיין חבר ניט,
דאָך קלאַפּט מיין הארץ מיר פעסטער
ווען איך דערהער זיין טריט.

איך לויף איהם גלייך אנטגעגען,
מיט האָפנונגען א סך,
מיר בּייטען זיך מיט בּליקען,
ער גיט מיר שטום א זאך;

וואס דאָס קען אָפט פערשאפען
גאר אונבּעגרענצטע פרייד,
די זעלבּע זאך קען בּריינגען
אויך אפט מאל שמערץ און לייד.

א מאל געהט ער פערבּיי מיר,
און מיידעט אוים מיין בּליק,
איך זעה עס קריגט א צווייטע
פון איהם דעם זעלבען גליק.

דאך ווי מיר זאל פערדריסען,
צו איהם קיין האס איך שפיר,
ער וועט דאָך זיכער קומען
א צווייטען טאָג צו מיר.

כאָטש איך בין זעהר קליין,
דאָך שלים איך איין צוזאמען;
צוויי הערצער פייער גלוטה
פון יונגע ליעבּעס פלאמען.

מען גיט מיר אלס געשאַנק
אין געגענוואַרט פון עדות,
איך קום און מאך אן ענד
פון געהיימע ליעבּע סודות.

מיט מיר איז די מאָראל,
און קיין זאך ווער מען שטערען,
די זעלבּע זאך אָהן מיר
קען דאָס געזעץ פערוועהרען.

מיט מיר געהט מיט רעספּעקט,
בּין איבּעראל ווילקאָמען,
איך גיבּ די קינדער שוץ
און אויך א שעהנעם נאָמען.

מיט מיר די מענשהייט שטייגט,
אהן מיר דיזעלבּע פאלען,
איך בּין דער מיטעלפּונקט
פון גרויסע אידעאלען.

דער שליסעל (אינדעקס)

1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14	15	16
א	בּ	ג	ד	ה	ו	ז	ח	ט	י	כ	ך	ל	מ	ם	נ

17	18	19	20	21	22	23	24	25	26	27	28
ן	ס	ע	פּ	ף	צ	ץ	ק	ר	ש	ת	—

נעהמט א שטיקעל פּאפּיער און א בּלייפעדער און צייכענט אויף די בּוכשטאַבּען פון דעם געגעבּענעם אלף בּית, נאך די נומערן פון דעם רעטעניש וועלכען איהר ווילט אויסגעפינען.

רעטעניש נומ. 1 — דעם 20טען, 10, 19, 25, 28, 10,
1, 5, 25, 19, 18, 28, 22, 10, 10, 9, 19 און
דעם 17טען בּוכשטאַבּ.
רעטעניש נומ. 2 — דעם 24, 2, און 25.
רעטעניש נומ. 3 — 5, 19, 16, 4.
רעטעניש נומ. 4 — 4, 10, 28, 1, 6, 10, 3.
רעטעניש נומ. 5 — 20, 10, 1, 16, 1.
רעטעניש נומ. 6 — 25, 19, 3, 19, 16, 2, 1, 3, 19, 17.
רעטעניש נומ. 7 — 6, 6, 10, 3, 19, 13, 19.
רעטעניש נומ. 8 — 6, 6, 1, 25, 15.
רעטעניש נומ. 9 — 14, 1, 4, 19.
רעטעניש נומ. 10 — 9, 25, 19, 5, 25, 19, 17.
רעטעניש נומ. 11 — 1, 28, 5, 1, 25, 23.
רעטעניש נומ. 12 — 4, 19, 25, 28, 14, 1, 3, 19, 17.
רעטעניש נומ. 13 — 4, 19, 25, 28, 26, 13, 1, 21.
רעטעניש נומ. 14 — 4, 10, 28, 19, 13, 9, 19, 25.

1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14	15	16
א	ב	ג	ד	ה	ו	ז	ח	ט	י	כ	ך	ל	מ	ם	נ

17	18	19	20	21	22	23	24	25	26	27	28
ן	ס	ע	פ	ף	צ	ץ	ק	ר	ש	ת	—

רעטעניש נומ. 15 — 1, 28, 8, 13, 6, 15.
רעטעניש נומ. 16 — 5, 1, 25.
רעטעניש נומ. 17 — 20, 20, 19, 20, 19, 52.
רעטעניש נומ. 18 — 1, 28, 26, 19, 20, 19, 13, 19.
רעטעניש נומ. 19 — 1, 28, 9, 26, 19, 24.
רעטעניש נומ. 20 — 13, 6, 8.
רעט. נומ. 21 — 6, 6, 19, 25, 9, 19, 25, 28, 2, 6, 12.
רעטעניש נומ. 22 — 18, 10, 3, 1, 25, 19, 9.
רעטעניש נומ. 23 — 3, 19, 13, 4.
רעטעניש נומ. 24 — 1, 28, 26, 6, 12.
רעטעניש נומ. 25 — 3, 13, 1, 7.
רעטעניש נומ. 26 — 1, 28, 16, 1, 14, 19, 17.
רעטעניש נומ. 27 — 1, 28, 5, 10, 9, 19, 13.
רעטעניש נומ. 28 — 26, 13, 6, 15.
רעטעניש נומ. 29 — 18, 9, 1, 13, 10, 1, 25.
רעטעניש נומ. 30 — 1, 28, 2, 19, 9.
רעטעניש נומ. 31 — 1, 28, 2, 13, 10, 23.
רעטעניש נומ. 32 — 1, 28, 14, 1, 21.
רעטעניש נומ. 33 — 1, 28, 26, 9, 10, 10, 17.
רעטעניש נומ. 34 — 1, 28, 24, 19, 14, 19, 13.
רעטעניש נומ. 35 — 2, 25, 6, 10, 9.
רעטעניש נומ. 36 — 1, 28, 2, 1, 25, 2, 19, 25.

16	15	14	13	12	11	10	9	8	7	6	5	4	3	2	1
נ	ם	מ	ל	ך	כ	י	ט	ח	ז	ו	ה	ד	ג	בּ	א

28	27	26	25	24	23	22	21	20	19	18	17
—	ת	ש	ר	ק	ץ	צ	ף	פ	ע	ס	ן

רעטעניש נומ. 37 — 1, 28, 20, 10, 4, 19, 13.

רעט. נומ. 38 — 9, 1, 3, 28, 1, 6, 17, 28, 16, 1, 11, **9**.

רעט. 39—1, 28, 6, 6, 10, 7, 10, 9, 28, 24, 1, **25**, **9**.

רעטעניש נומ. 40 — 1, 28, 22, 10, 10, 9, 6, 16, **3**.

רעטעניש נומ. 41 — 1, 28, 2, 19, 7, 10, 15.

רעטעניש נומ. 42 — 1, 17, 28, 1, 24, 19, 25.

רעטעניש נומ. 43 — 1, 28, 7, 10, 10, 3, 19, 25.

רעטעניש נומ. 44 — 1, 13, 2, 6, 15.

רעט. נומ. 45 — 1, 6, 16, 9, 19, 25, 26, 25, 10, **20**, **9**.

רעטעניש נומ. 46 — 1, 28, 26, 10, 25, 10, 15.

רעטעניש נומ. 47 — 1, 28, 24, 16, 19, 20, 19, **13**.

רעטעניש נומ. 48 — 1, 28, 26, 6, 6, 10, 3, 19, **25**.

רעט. 49—2, 25, 10, 20, 19, 16, 9, 25, 19, 3, 19, **25**.

רעט. 50 — 24, 4, 6, 26, 10, 17, 28, 25, 10, 16, **3**.

118

ORIGINAL RIDDLES

– BY –

SOLOMON SMALL

(SMULEWITZ)

A WORTHY BOOK
FOR ALL CLASSES

Copyright, Washington, March 1918,

PUBLISHED BY

SOLOMON SMALL

1957 Dean St. Brooklyn, N. Y.

Small, Solomon
Originele retenishen

PJ
5129
S607
1918
c.1
ROBA